UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Lili Bergers “Fun Vayt Un Fun Noent” /  Lilly Berger’s “From Far and From Near”

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/2fj379b4

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 92(1)

**Author**
Zalman Shlosser, Zalmen Shloser /

**Publication Date**
1978-10-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# שרייבערס און ביכער

זלמן שלאָסער

## פון ווייט און פון נאָענט

(אַ נייער באַנד דערציילונגען פון לילי בערגער)

### I

לילי בערגער איז איינע פון די אָנגעזעענסטע יידישע פּראָזאַיקער פון אונדזער חורבן תקופה. אירע קורצע דערציילונגען און באָוועלעס האָבן אַן אייגנאַרטיקן חן פון פשטות, פון לשון און סטיל. איר שטילער און איידעלער טאָן, איר קלאָרער רעאַליזם און אירע קורצע פאַרבענקטע נאַטור - שילדערונגען, אינטריגירן און האַלטן געשפּאַנט דעם לייענער. אין יעדער דערציילונג אירער איז דאָ דער סיפּור המעשה פון אַ טיפער איבערלעבונג, געשריבן אין אַ לעבעדיקן קולטורעלן יידיש. ס׳איז דאָ געדאַנק, אַקציע, האַנדלונג, די דראַמע און אויך די טראַגי־קאָמעדיע פון לעבן.

ס׳איז די צייט פון בלוטיקן מבול, פון גרויסן יידישן חורבן און די באַכוויעניש פון דער נאָך1חורבן תקופה. ס׳איז אַ גרויזאַמע צייט — אַ „וויסנשאַפטלעך" אויסגערעכנטער פאַרמעסט פון די נאַציס אויסצומאָרדן אויפן גרויזאַמסטן אופן אַלע יידן. ס׳איז שוידערלעך צו טראַכטן וועגן דעם און נאָך מער שוידערלעך פאַרן קינסטלער זיך צו באַנוצן מיט אַזאַ טעמאַטיק בפרט פאַר יענע וואָס האָבן דאָס אַליין איבערגעלעבט. וואָרעם פון אַזעלכע איבערלעבונגען קען מען שנעל פאַרלירן דעם צלם אלהים. זיי דערדריקן און דערשלאָגן דעם מענטשלעכן גייסט. פאַר אַ סך מענטשן איז אפילו שווער צו לייענען וועגן יענע פּייניקונגען, וואָס פילן אויס די בלעטער פון אונדזער חורבן ליטעראַטור. נאָר קיין ברירה איז נישטאָ. מען קען אָט די טעמאַטיק ניט אויסמיידן און מען טאָר זי ניט אויפנעמען איינזייטיק. מען מוז דערציילן דאָס נעגאַטיווע ווי דאָס פּאָזיטיווע. מען מוז וויסן דעם אמת וועגן די יידן־ראַטן און וועגן די יידישע קאַפּאָס, יענע יידן וואָס האָבן אויף וועלכן ס׳איז אופן געהאָלפן די דייטשן. וואָרן אין אַזעלכע אוממענטשלעכע באַדינגונגען, וואָס די דייטשן האָבן פאַר די יידן געשאַפן, איז לייכט געווען צו זינקען אין רישעות, ווערן ווי אַ ווילדע חיה. מען האָט אָבער אויך געקענט זיך דערהויבן צו דער העכסטער מענטשלעכער מדרגה, ווי טייל יידן האָבן געטאָן. די שילדערונגען מוזן זיין עכט און אמת. נאָר דער אמת, ווי שלעכט און מיאוס ער זאָל ניט זיין, טאָר דעם לייענער בשום אופן ניט דערדריקן מיט זיין גרויזאַמקייט.

פון די דערציילונגען איז קענטיק אַז לילי בערגער פאַרמאָגט דעם קינסטלערישן כוח צו דערהייבן דעם לייענער. איר פּערזענלעכע איידלקייט און טיפע פאַרשטענדעניש פון מענטשלעכן כאַראַקטער און גורל העלפן איר גאָר אַ סך אין אירע מייסטערהאַפטע שילדערונגען.

דאָס נייע בוך אירס: „פון ווייט און פון נאָענט" איז רייך מיט טיפע איבערלעבונגען סיי ווען זי שרייבט וועגן זיך און סיי ווען זי שרייבט וועגן אַנדערע. זי פאַרמאָגט אַ סך וויסן, אַ ברייטן פאַרנעם און מער פון אַלץ ביטחון און אַ קלאָרן לעבנס־באַנעם, גענומען פון לעבן גופא. אַזאַ אוצר וועקט דעם לייענערס אינטערעס, אַזאַ עשירות, אַזאַ בטחון קען ניט דערלאָזן דעם מענטש אין זיין געראַנגל און אין זיינע ליידן אַראָפּזינקען צו רעזיגנאַציע און דעפּיטיזם. פּונקט ווי זי אַליין קען ניט, קענען אויך ניט אירע פּראָטאַגאָניסטן ווי דינה אין „שמעלץ", שלמהלע אין „אַן אַרויסגעוואָרפענער",

לענע אין „אויף דער אויספאָרשונג“ און די אַנדערע העלדן פון אירע דערציילונגען אין זייערע ביטערסטע סיטואַציעס און מאָמענטן אַראָפּזינקען אין רעזיגנאַציע און באַזיגטקייט. ווען אַרום איז טרויעריק און האָפנונגסלאָז מוז דער מענטש, דער יידישער מענטש אין פּייער, געפינען אין זיך אַליין אַן אינעווייניקסטע מאָראַלישע פאַרגיטיקונג און דערהויבונג.

דאָס, ווייסן מיר, האָבן יידן יאָ געטאָן אין די געטאָס און לאַגערן, בעת די דייטשן האָבן געפּרוווט צוברעכן דעם מענטש פּסיכיש און גייסטיק איידער זיי האָבן אים פאַרניכטעט פיזיש, האָבן זיך יידן קעגנגעשטעלט מיט זייער אָנגעזאַמלטער אינערלעכער מאָראַלישער קראַפט — די עונג שבת און יום־טוב פייערונגען, די קאָנצערטן און ליטעראַרישע פאַרווײַלונגען, די צדקה און קעגנזייטיקע הילף — פּנים אל פּנים מיט דער בלוטיקער ווירקלעכקייט!

עס איז קענטיק אַז לילי בערגער האָט פון אירע אייגענע טיפע איבערלעבונגען געלערנט דעם סוד ווי אַזוי זיך אַליין צו דערהייבן צו אַט דער מענטשלעכער מדרגה. אין דעם פּרט איז אינטערעסאַנט איר דייצערלונג: „טוביה דער מילכיקער אין אונטערערד.“ געשריבן אין דער ערשטער פּערזאָן און אין לייכטן זשאַנער טראָץ דער שווערער און מוראדיקער סיטואַציע אין וועלכער זי האָט בשעת מעשה זיך געפונען. די דערציילונג וואַרפט אַ וואַרעמען שטראַל אויפן לעבן אין אונטערגרונט. מען דערפילט דאָ איר חוש פאַר שפּאַס, הומאָר, צוליב אַ געוויינטלעכער מיספאַרשטענדעניש אין דעם נאָמען טוביה, וואָס איז דער נאָמען פון אַ בוך און אויך פון אַ פריינד.

אַט דעם לייכטן, וואַרעמען טאָן האַלט די קינסטלערין אָן אויך אין אַנדערע דערציילונגען, ווי „פּאָרט אַ שטיקל מזל“, „דער שידוך“, „די דערוואַרטונג“ און ענלעכע דערציילונגען. אין אַלגעמיין איז זי אָבער פריי פון יענע „מיספאַרשטענדענישן“ און „פאַרפלאָנטערטע“ סיטואַציעס פון וועלכע דער מענטש דרייט זיך אַריין און אַרויס. זי היט דעם מענטש פון איר דערציילונג ער זאָל ניט אַרייַנפאַלן אין די פּאַסטקעס פון דעם טייוולס שלוחים. און זי טוט דאָס אויף אַ זייער איידעלן און קינסטלערישן אופן אין דער דערציילונג „אויף דער אויספאָרשונג“ און גאָר גרויסאַרטיק אין „שמעלץ“:

> ...„זינט דינה זוכט אין פּאַריז אַרבעט און אַ דאַך איבערן קאָפּ גייט איר נאָך דער מאַמעס שאָטן... אין דער אוונטדיקער שטילקייט האָט אַ הילך געטאָן אַ וויטער עכאָ: „שמעלץ“! „שמעלץ“!
> ... זי האָט זיך איינגעקאָרטשעט, באַלד זיך אויסגעגלייכט, אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אָנגעהויבן מיט עקשנות שטעלן האַסטיקער די טריט. אַ מענטש ... אַ מענטש... גיט זיך ניט אונטער. האָט זי זיך דען מיט דרייסיק יאָר צוריק אונטערגעגעבן?“

דער דראַנג צו בלייבן לעבן און צו דערלעבן די באַפרייונג איז אַ טרייסט און דער סימן מובהק פון דער רייכער חורבן־ליטעראַטור. ס'האָט געהאָלפן אויפהאַלטן די האָפענונג. אין דער דראַמאַטיזירטער סקיצע „דער לעצטער טאָג“, וואָס איז טיילוויז באַזירט אויף יאַנוש קאָטשאַקס געטאָ טאָג־בוך, פּרובירט לילי בערגער שילדערן אַט דעם פּאָזיטיוון דראַנג:

> „אַלץ שרייט אין מיר: לעבן! איבערלעבן! דער אַלטער צעבראָכענער גוף רייסט זיך, ברעכט זיך, רייסט זיך מיט געהיימע כוחות ווייטער צו לעבן! אַ צאַנקענדיק פלעמעלע, און דאָס דאַרף באַלייכטן אין אַ געדיכטער פינצטערניש, באַשיצן איבער צוויי הונדערט יונגע לעבנס. ס'דאַרף! ס'מוז!“

די דראַמאַטורגישע סקיצע אין פינף בילדער: „דער לעצטער טאָג“, איז קאַרג אין ווערטער און רייך אין פּסיכאָלאָגישער שפּאַנונג. עטלעכע ווערטער — אַנגסט, שרעק־קראַמפּן, פּחד, וואָס צעפלאַקערט זיך אין קינדערשן דמיון — דער שליסל צו דער דראַמע, חזרן זיך מיט אַ כיוון איבער עטלעכע מאָל כדי צו באַטאָנען די פיינלעכע שטימונג פון דעם „לעצטן“ טאָג און דעם אינערלעכן דראַנג צו וועלן אויסהיטן די קינדער ביזן סאַמע לעצטן מאָמענט פון אַט די נשמה אַנגסטן. דאָס איז